**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## נאכפאלגנדיג א שיף עקסידענט אין לאקפארט, וועט גאווערנער האקול פארשלאגן א געזעץ גיבנדיג פאר ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג אויפזיכט אויטאריטעט צו פארמיידן צוקונפטיגע טראגעדיעס

***יעצטיגע סטעיט געזעצן גיבן נישט אויסדרוקליכע רעגולאטארישע אויטאריטעט צו אינספעקטירן א קאמערציעלע שיף וואס פארט אין א טוריזם הייל***

***פארגעשלאגענער געזעץ פאלגט נאך טראגישע שיף עקסידענט אין לאקפארט הייל, הרגנ'ענדיג איין פאסאנזשיר און פארוואונדענדיג עטליכע אנדערע***

אום יוני 12, האט א טור שיף אין די פריוואטע קאמערציעלע לאקפארט היילן זיך איבערגעדרייט, הרגנ'ענדיג איין פאסאנזשיר און פארוואונדענדיג עטליכע אנדערע. נאכפאלגנדיג די טראגעדישע שיף עקסידענט, וועט גאווערנער קעטי האקול פארשלאגן א געזעץ וואס וועט גיבן פאר די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) די רעגולאטארישע אויטאריטעט איבער קאמערציעלע טוריזם שיפן וועלכע פארן אין היילן כדי צו פארמיידן צוקונפטיגע טראגעדיעס. די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג רעגולירט קאמערציעלע שיפן, אבער זיי האבן נישט די לעגאלע אויטאריטעט צו רעגולירן די זיכערהייט פון שיפן וואס פארן אויף וואסערן וואס סתם שיפן פארן נישט אריבער, ווי צום ביישפיל אין היילן אויף פריוואטע פראפערטי. די גאווערנער'ס געזעץ וועט פארמאכן די לאך.

"אזוי ווי מיר באוויינען די פארלוירענע לעבן וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך די שיף עקסידענט אין די לאקפארט היילן, טוט מיין אדמיניסטראציע פארשלאגן א געזעץ צו פארמיידן צוקונפטיגע טראגעדיעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג האט די כלים אונז צו האלטן זיכער, און דער געזעץ וועט זיכער מאכן אז זיי האבן די לעגאלע אויטאריטעט צו קענען נוצן די כלים צו האלטן פאסאנזשירן זיכער אויף שיפן אין היילן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418